יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

הײנט 20 זײטען (פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — ז׳ יט 3)

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 288 | לאדז, פרייטאג, כ״ז כסלו תרצ״ד | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Piątek, 15 grudnia 1933 r. | № 288

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# דער יוד. באיקאט האט שווער געטראפען דעם דייטשען עקספארט

## דער דייטשער ווירטשאפט דראט א קאטאסטראפע

### סענסאציאנעלע ערקלערונג פון ד״ר שאכט אין דער בערלינער האנדעלס-קאמער

בערלין, 14 (י.ט.א. טעלעגראפיש).

די גאנצע פרעסע פערעפענטליכט א סענסאציאנעלע ערקלערונג פון ד״ר שאכט, דירעקטאר פון דער דייטשער רייכסבאנק, וואס ער האט געגעבען אויף א זיצונג פון דער האנדעלס-קאמער. ד״ר שאכט האט נעמליך ערקלערט, אז דער יודישער באיקאט האט שווער געטראפען דעם דייטשען עקספארט. וואס האט שטארק בעשווערט די צאהלונגס-מעגליכקייטען פון דייטשלאנד. אויב דער עקספארט זאל ווייטער אזוי פאלען ווי ביז איצט, דראהט דער דייטשער ווירטשאפט א קאטאסטראפע. אמשטארקסטען איז דער יודישער באיקאט, האט ד״ר שאכט געזאגט, אין ענגלאנד, אמעריקא און סקאנדינאוויען.

## פראצעס פון די 17 ארעסטירטע יוד. יונגעלייט אין ארץ-ישראל

### אפגעלייגט ביזן 27. ד. ח. — ארעסטירטע בעפרייט געגען קויציע

יפו, 14 (יט״א טעלעגראפיש)

אין משך פון נעכטיגען טאג זיינען פערהערט געווארען 17 יונגעלייט, וועלכע זיינען ארעסטירט געווארען אין צוזאמענהאנג מיט די שבת׳דיגע דעמאנסטראציעס אין תל-אביב.

דער פראצעס איז אפגעלעגט געווארען ביז׳ן 27-טען ד. ח. די ארעסטירטע זיינען בעפרייט געווארען אויף קויציע, זיי טארען זיך אבער ביז׳ן פראצעס נישט בעטייליגען אין קיין עפענטליכע פערזאמלונגען.

## ארציביסקופען אין די ענגלישע קירכען אפעלירען צו די מתפללים

### צו א גרויסער הילף-אקציע פאר די פליטים פון דייטשלאנד

לאנדאן, 14 (יט״א טעלעגראפיש)

די ארציביסקופען אין אלע ענגלישע קירכען האבען אין זייערע פרעדיגען זיך געווענדעט צו די מתפללים מיט א הייסען אפעל צו העלפען די פליטים פון דייטשלאנד. די ביסקופען פיהרען אדורך אין די קירכען א גרויסע זאמעל-אקציע פאר די פליטים.

---

## ציוניסטישער עקזעקוטיוו פערורטיילט די לעצטע געשעהענישען אין תל-אביב

ירושלים, 14 (יט״א טעלעגראפיש)

דער עקזעקוטיוו מיטגליד, משערטאק, האט דער יט״א איבערגעגעבען א נ׳ע קלערונג, אין וועלכער די עקזעקוטיוו בעדויערט די לעצטע אונרוהען וועלכע זיינען געווען א בועל-יוצא פון די נישט בערעכטיגטע מיטלען פון דער פאליציי געגען די יודישע בירגערשאפט. פון דער צווייטער זייט פערורטיילט די עקזעקוטיוו די געוואלד-מיטלען געגען איינצעלנע פאליציאנטען בעת׳ן ערפילען זייערע אמט-פליכטען.

די עקזעקוטיוו פערורטיילט אמשארפסטען די שבת׳דיגע געשעהענישען אין תל-אביב.


M. Przygórski

פעטריקאווער 37, טעל. 176-34

ערשטקלאסיגער דיפלאמירטער קירזשנער-אטעליר
פיהרט אויס אלערליי פעלץ-אויסארבייטונגען
פיינטליכע און רעעלע אויספירונג

זונטאג, פ׳ ווינט, ה׳ חנוכה, 4 א זייגער נאכמיטאג, וועט אין דער שוהל פון „מושב זקנים" (קאנסטאנטער שטיפטונג) פארקומען די

התחלה פון שרייבען א ספר-תורה

פאר דער אינסטיטוציע.

מען בעט אלע מיטגלידער פון דער חברה „מחסה לזקנים", אויך נישט מיטגלידער ווי אויך סימפאטיקער פון דער אינסטיטוציע פינקטליך צו קומען צו דער פייערונג.

די פערוואלטונג.

6780

אגודה לזמרה ולספרות עברית „הזמיר"

אל. קאשטשושקי — 21 —

מארגען, שבת, דעם 16/XII ה. י. 8.30 אווענט

טראדיציאנעלער חנוכה-קאנצערט

פון „הזמיר"-כאר

אין פראגראם: שאפונגען פון בענסמאן, געלבארט, היידען, מענדעלסאן, ליאוו, זאקס א. א. דיר.: פראפ. י. זאקס.

בילעטען פון 1 זל. צו בעקומען אין „הזמיר" ביים קלאוויר פר. פיעטרושקא.

א אנאנס אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג.

זאל פילהארמאניע
20 נארוטאוויטשא 20

היינט, פרייטאג-צו-נאכטס, דעם 15 דעצעמבער, 5 א זייגער און צומארגענס שבת חנוכה פ׳ מקץ, מביכים החו׳ טבת. 9 פריה וועט דער פענאמענאלער עמור-מינסטלער, חזן

משה פרייס

דאווענען קבלת-שבת, שחרית און מוסף מיט דעם אנטייל פון פראפעסיאנעלען גמס-אינשטרומענטן כאר אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען דיר. הערש רוביז.

די הכנסה איז בעשטימט פאר אונבעמיטעלטע האנדווערקער

בילעטען צום פרייז פון 75 גר. צו בעקומען אין צענטראלען האנדווערקער-פעראנד, פאלודניאווא 4, און די צוקערניעס: טערקישע קאנדיטאריי, פיעטריקאווער עק פאלודניאווא; וויינבערג, גדאנסקא 30; מ קאטעק, 11 ליסטאפאדא 9; טשערניאקאוו, פאמארסקא 9; דזשינאנסקי, קאשטשעלנא 2; גראנעק, לימאנאווסקיעגא 4; ש. קארא, גדאנסקא 45; ה. קארא, 6 שערפניא 30; א. קרעל, לאגיעווניצקא 7; קישמיראק, שרודמיעסקא 11; גיסער, צעגיעלניאנא 1; מ. קאופמאן, בזשעזשינער 13 און אין קאסע פון „פילהארמאניע".

פאר פרייעז ספעציעל רעזערווירטע פלעצער. פאספארטען און הנחה-בילעטען נישט גילטיג.


צום שאנד-סלופ!

מיר שטעלען צום שאנד-סלופ אלגענדע פערזאנען פאר זייער אונמענשליכע הנדלונג געגען אונזער חברה „חיי אדם", וועלכע האט געפיהרט צווישען זיך א געגענזייטיגע, ברידערליכע הילף און דערמיט געראטעוועט א סך מענשען זייערע נעמען זיינען: מאיר מאזעווסקי, אלעקסאנדריסקא 5 אפרים מאזעווסקי, אלט-שטאט 13 עזר העניאכאוויטש, דרעוונאווסקא 7 זכריה דזשובאק, זשידאווסקא 8; אשר זעליג קאוועבלום, לאגעווניצקא 47; זאל די עפענטליכקייט וויסען און משפטן.

בעמערקונג: מאיר מאזעווסקי האבען מיר געהאלפען חתונה מאכען א טאכטער מיט 3,50 זל. אשר זעליג ביים אויפהערען אנ׳עקסמיסיע מיט 50 זל. און 250 זל. גלייכצייטיג בעטען מיר אלע חברות און בתי מדרשים צו האנדלען געגן זיי ווי געהעריג. מיט אכטונג

די גבאים פון דער חברה „חיי אדם".

לאדז, אלעקסאנדריסקא 5

6767


צענטראלער יודישער האנטווערקער-פערבאנד אין פוילען
עקספאזיטור אין לאדז, פיעטריקאווער 20.

אכטונג, מאגאזין-שניידער-מייסטער!

מארגען, שבת, דעם 16-טן ד. ח. פינקט 7 אווענט קומט פאר אין לאקאל פון בעקער-צעך (פילסודסקיעגא 57)

א פארלעזונג פון ה׳ ד״ר י. האצענבאגען

סעקרעטער, פון דער לאדזער האנטווערקער-קאמער

א. ד. ט. „די אויפגאבען פון דער האנטווערקער-קאמער, אין צוזאמענהאנג מיט דער נאוועליזאציע פון צעכען-געזעץ. 1) כאלופניק און די האנטווערקער-קאמער. 2) מאגאזין-עקספארט, און דער יודישער שניידער-מייסטער. אלע דארפען זיין פינקטליך.

לאדזער האנטווערקער-עקספאזיטור

פרעזעס: י. ווייצמאן.

6729

# פּיניעלע מזיק

## גימ לישון



וואס זאָגט עך, יאַטען, צו דער קרירע? די ליבן זענע פּערקאָוועט. די גוטן איז געשוואָצן, אָף די פיס אָב איך ווינטער־באַלן און קאַ שטיקל קויל פון דער קילע זעה׳ מע אלץ ניש.

און באַ זיי, באַ די קילע־לאַט, גייט אַלץ אַף דער פּינקט. צו ערשט רעדט מע וועגן קוילן. דערנאָכדעם רעדט מע וועגן קוילן. און דערנאָכדעם רעדט מע ווידער וועגן קוילן, און אַז מאַט שוין גיניג אנגעטשאַקעט הייבט מע זיך אָן שפּאַרן ווי פיל קוילן. דערנאָכדעם ווי עט מע געבן די קוילן און אַז מען ווייסט שוין ווי, רעדט מע וויפיל עט מע געבן קוילן און אז מאיז שוין מיט מאַהעל און מיט בריטיאָנע פּאַרטיק: ווי, ווען און וויפיל, מאַכט מע ערשט אַ קאַנעקורס (געמיינט: קאָנקורס). „קטאָ דייע ווינצע״, פּינקט ווי באַ קופּים לי־האָוודיל, און איך זאָג עך, יאַטען, אז ביז וואָס וועט, עט דערוואַל ווערן.... שיוויעס!

איך זאָג עך, יאַטען, אַז מיר זאָלן ניש וואַרטן אַף די קילע־לאַט, און מיר זאָלן באַצאַטן, ווען סיזענען באַך די קרירעס, מאַכן אנשאיינע קוילן אַקציע און רעפּקע אין שמולן געכל, אַז מיר עלן זיך נעמען, עלן מיר האָבן קוילן, און טאַמער עלן מיר זיך פּאַרלאָזן, עלן מיר אין שמולן געסל אַסגיין פון קעלט.

אַ קלאַל, יאַטען, צו דער אַרבעט!

## א „פעקעל“ האָט זי א שיינס

### און א שוואַכען זכרון דערצו

דאָקטאָר (פערשרייבט זיין פּאַציענטקע די רעצעפּט): אַ שטאַרקע מיגרענע, גאַל־שטיינער, שמאַלץ ביים האַרץ, סמנים פון סקלעראָזע, שטאַרקען בלוט דרוק... ווי אַלט זענט איהר דען?

פּאַציענטקע: 22 יאָהר.

דאָקטאָר (שרייבט ווייטער): ...און אויך אַ שוואַכען זכרון.

## א סוד פאַר א פרוי

— די האָסט פּעלען געזאָגט דעם סוד, וואָס איך האָב דיר דערצעהלט?

— איך האָב איהר נישט דערצעהלט, איך האָב זי גאָר געפרעגט, צי זי ווייסט נישט דערפון.

# לאַטקעס

## אויף חנוכה און אויף א גאַנץ יאָהר

אויף דעם אָרט, האָבען מיר געוואָלט פערעפענטליכען אַ רשימה פון לאַטקעס, וואָס האָבען פערכאַפּט די „בעבקלעך“, וואָס דיצען אויבענאָן.

וואָס זאָגען דעות אין קהל׳שע עניניס און מישען זיך אין פּאָליטיק.

מיר האָבען אויך געוואָלט אָנרופען די נעמען פון אַנדערע לאַטקעס, וואָס זאָגען פאַר אונזערע סוחרי׳ם, האַנדווערקער און קליינהענדלער, אָבער מיר געבען נישט די דאָזיגע לאַטקעס־רשימה, ווייל עס צוליב ריין „טעכנישע טעמים“.

# די סודות פון גענף

## דרייערליי זיצונגען פון דער פעלקער־ליגע

אין דער פעלקער־ליגע זענען דא דרייערליי זיצונגען:

אָפענע זיצונגען: דער עולם דערוואוסט זיך באַלד וועגען דעם פערלויף.

פערטרויליכע זיצונגען: דער עולם דערוואוסט זיך פון „א“ ביז „ת“ 10 מינוט שפּעטער.

שטרענג פערטרויליכע זיצונגען: דער עולם דערוואוסט זיך גענויע פרטים 10 מינוט פאַר דער זיצונג.

# ביים ברעג פון דער ביהנע

## פליאַטקעלעך פון יודישען טעאַטער

בעת דער פּאַוזע אין יודישען טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע“, זאָגט ווייטלער צו זיין פּאַרט־נער:

— זייט מוחל, און רוקט אייך אביסעלע ווייטער נאָך אַ מינוט, זאָגט ווייטלער ווידער דאָס אייגענע:

— חבר׳טע ר. זייט מוחל, און רוקט אייך נאָך אביסעלע ווייטער. אזוי האָט זיך דאָס עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט.

די פּאַרטנערין, וועלכע איז שוין געשטאַנען אויפ׳ן לעצטען ברעג, האָט אַ דענער׳ווערטע אַ זאָג געטון:

— פּאַניע ווייטלער, ווי ווייט וועל איך מיך אַזוי רוקען, אויב איך וועל מיך נאָך איין רוק טון, וועל איך דאָך איבגאַנצען מוזען אַראָפּגעהען פון דער ביהנע.

— אָט דאָס מיין איך טאַקע. האָט ווייטלער געענטפערט.

# א מוסטער פון א „טבילה־בעשייניגונג“

## אַרויסגעגעבען פון דער הויפּט־טיקעריז

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נייעם בעפעהל פון דער קהלה־פערוואַלטונג, אז חופּה וקידושין וועלען בעקומען נאָר די כלות, וואָס וועלען נישט האָבען קיין „טבילה־בעשייניגונגען“, אז זיי זענען געגאַנגען טבילה אין דער אגודה׳שער מקוה, ברענגט דער „קונדס“ אַ מוסטער פון אזא טבילה־בעשייניגונג:

זאַשוויאַטשעניע.

דערמיט טו איך זאַשוויאַטשען, אז די כלה הבתולה סטעפע בת קיילע גנענדעל תחי׳ איז געגאַנגען טבילה אין דער אגודה׳שער מקוה, איז אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט אונטערגעטינקט געוואָרען כדת וכדין און איז כשר למהדרין מן המהדרין.

מיט מקוה — גרוס

ר.ע.ל.ע.

די הויפּט־טיקע׳ן פון דער מקוה אויף גראַנסקאַ 77.

# געניצען אין טעאַטער

## איז שטרענג פערבאָטען

ווי דער „קונדס“ דערוואוסט זיך, וועט אין די היגע טעאַטערן אויפגעהאָנגען ווערען אַזעלכע מו־דעות:

וואָרנונג

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט די געעהרטע טעאַטער־בעזוכער, אַז דאָס געניצען בעת די פאַר־שטעלונגען איז שטרענג פערבאָטען. ווער ס׳וועט ביי דער קאָמעדיע געניצען וועט שטרענג בע־שטראָפט ווערען.

# וואָס איז דאָס לעבען?

## ווי ס׳זעהט עס א טראַמוואַי־מאַשיניסט

אַ טראַמוואַי־מאַשיניסט זאָגט, אַז דאָס לעבען איז געגליכען צו אַ טראַמוואַי.

נאָר אַ קליינער טייל פּאַסאַזשירען דערפאָהרען ביז דער לעצטער סטאַנציע.

# עפּעס מוח ווערען

## אַ חכמה אויפ׳ן ניכטערען מאָגען

איז ער קלוג און זי איז נישט קיין נאַר — ווערט דערפון אַ פּלירט: איז ער קלוג און זי איז אַ נאַר — ענטוויקעלט זיך אַ ליבע; איז ער אַ נאַר און זי איז קלוג — ענדיגט זיך מיט אַ חתונה; זענען ביידע נאַראָנים — ווערט דערפון אַ קינד.

דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט“ נומער 288

פרייטאָג, דעם 15 דעצעמבער 1933

לכבוד חנוכה

# דעם „זיידענס“ דריידעל...



